ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# דבר משה

## על דיני ומנהגי ישראל הנחוצים

אידיש

**609**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

בעזהשי״ת

עמ״י עש״ו

# קונטרס

# דבר משה

## על דיני ומנהגי ישראל הנחוצים והנשכחים

**ליקוט מגדולי הפוסקים, אשר מימיהם אנו שותים הלכות גדולות ושכיחות יום יום, ואין איש שם על לב, מחמת חסרון ידיעה וגודל הטרדות, מסודר בלשון צח וקצר כדי שירוץ הקורא בו, וראיה מביא לידי זכירה וזכירה מביא לידי עשיה.**


הו״ל בחמלת ה׳ עלי בזכות אבותי ורבותי הק׳ זי״ע

**הק׳ שלום יודא גראס**

רב דקהל ,,מגן שאול״ ד,,האלמין״ ור״מ בישיבה וכולל ,,בית ישעי׳״ ,,מבון להוראה בשחיטות ובדיקות״

בעהמח״ס: **שו״ת ,,זבחו זבחי צדק״** (על הלכות שחיטה ובדיקה), **חינוך ישראל סבא** (מדריך לחינוך הבנים והבנות) **מדריך לצניעות, מנחת יהודה,** (על חומר איסור ,,חלב עכו״ם״ ו,,סימילאק״), **נפש ישעי׳ על מאכלות אסורות** (ה״ח), **גידולי יהודה** (על הלכות ציצית), **קדושת בנות ישראל** (על הלכות יחוד), **מזוזת שלום** (על הלכות מזוזה) **וש״ס.**

בלאאמו״ר הרה״ג הצ׳ מוהר״ר **ישעי׳ זאב גראס** זצ״ל נכד השרף מסטרעליסק, ר׳ יעקב קאפיל חסיד, ט״ז, ב״ח, תוי״ט, רש״י, ולמעלה בקודש עד דוד המלך עה״ש.



**ברוקלין יצ״ו • שנת תשל״ח**

הוצאת

**אמונה פאבלישינג**

הרוצה להשיג הספר הזה יפנה אל המוציא לאור:

*Copyright © 1977*

כתובת המחבר:

Rabbi Sholom Y. Gross
4711 — 12th Ave. Apt. a-5
Brooklyn, N. Y. 11219
436-8086

כל הזכויות שמורות

*Printed in the United States of America*

דפוס אופסט „מוריה"
**MORIAH OFFSET CO.**
160 JOHN STREET
Brooklyn, N. Y. 11201
(212) 852-4141

# אינהאלט

## א

1. אהבת ישראל ........ ג
2. אמת ........ ג

## ג

3. גניבה ........ ד,ה
4. גניבה וגזילה ........ ו,ז
5. גניבת דעת ........ ז
6. גוי'איש רעדן ........ ח

## ד

7. דאָקטוירים – יחוד ........ ח
דערמאָנען גוי'שע חדשים ........ ט

## ה

8. הכנסת אורחים ........ ט

## ח

9. חינוך יר"ש ........ י

## י

10. יחוד ........ י

## כ

11. כוונת ברכת המזון ........ י
12. כשרות זהירות אין עסען ........ י,יב

## ל

13. ליגענט זאָגען ........ יג,יד
14. לערנען מוסר ........ יד
15. לשון הרע ........ טו

## מ

16. מדת חסידות ........ טו
17. מזוזות ........ טז

## ס

18. סכנה ........ יז

## פ

19. פילטע פיש ........ יח

## צ

20. צדקה ........ יט
21. צניעות ........ כ, כא

## ש

22. הלכות שבת ........ כב
23. שלאָגען אַ צווייטען ........ כב
24. שלום געבען ........ כב
25. שלום געבן מיט די הענט ........ כג
26. שלום געבען אויף אומריינע ערטער ........ כג
27. וואָלענע מלבושים – שעטנז ........ כג
28. אָפּגעהיטען זיין פין וואָלענע קליידער – חשש שעטנז ........ כד
29. וויכטיגקייט נישט טראָגען וואָל ........ כד
30. חסידים זאָלען נישט גיין קיין וואָל ........ כד
31. אלי׳ הנביא – מיט די אַנדערע נביאים ........ כה
32. נביאים זענען נישט געגאַנגען אין וואָל ........ כה
33. צדיקים תלמידי הבעש״ט גייען נישט אין וואָל ........ כה
34. מכשולות פין שעטנז ........ כו

קונטרס

# דבר משה

## לויטן סדר פון א־ב

### א

### אהבת ישראל

א) עס פאַסירט גאַנץ אָפט אַז איינער באַגייט אַן עולה קעגען חבר, און דער צווייטער טראָגט זיך אַרום דורך דעם מיט אַ שנאה אין האַרץ קעגען יענעם, דאָס איז נישט דער ריכטיגער וועג, ווייל דאָס ברענגט זייער אַסאַך עבירות, 1) פיינט צו האָבען אַ איד, 2) דערנאָך באַרעט מען יענעם איז דאָס לשה״ר, 3) עס קימט צו מחלוקת, און נאָך פאַרשידענע עבירות, דערפאַר איז דער ריכטיגער וועג צי גיין צום חבר און אופמערקזאַם מאַכען היתכן די ביזט באַגאַנגען קעגען מיר אַן עולה (עי׳ מ״א סי׳ קנ״ו) זעלבסטפאַרשטענדליך אויב ער וויל פאַרגעסן פין די גאַנצע זאַך און יענעם מוחל זיין, איז ער נישט מחויב צי טאָן דאָס אַלעס (הגר״ז או׳ ו׳) פאַרקערט עס איז גאָר אַ מדת חסידות (שם).

### אמת

א) אַלע צרות וואָס קימען אויפען מענטש ח״ו איז נאָר ווייל מען זינקט אין ליגענט (דגל מחנה אפרים בא).

ב) דער קדוש ר״ר פנחס׳ל קאריצער זצ״ל, האָט שטאַרק געוואָרענט אַז מען זאָל נישט ליגענט זאָגען, און ווען עס וועט זיין האַרב ביי די וועלט די עבירה ווי די האַרבסטע עבירות וועט זיכער משיח קימען (מדר״פ).

ג) נאָך זאָגט דער אויבענדערמאָנטער צדיק אין נאָמען פין בעשטה״ק, אַז דער וואָס איז שוין אַמאָל דאָרכגעפאַלען מיט ליגענט זאָגען, טאָר נישט ליגענט זאָגען אפילו וועגען דרכי שלום (שם).

ד) מערקווירדיג איז וואָס ער שרייבט ווייטער אַז ווען אַ מענטש איז געוואָרענט נישט צי זאָגען ליגענט, וועט ער נישט מיזען צוליב קראַנקהייט ליגען אין בעט (שם).

א) אפילו וועלטליכע זאַכען וואָס האָט נישט מיט געלט זאַכען דאַרף מען זאָגען אמת (חררים, וח״א בקיצור ס׳ חרדים, מסגה״ש ס״ג).

ב) אויב איינער רערציילט אַ מעשה וואָס ער האָט געהערט, און ער פאַרקנייטשט אַביסעל די מעשה כאָטש ער מאַכט נישט קיין שאָדען פאַר קיינעם (ראשית חכמה שעה״ק פי״ב בשם הרר״י) הייסט דאָס געזאָגט ליגענט.

## ג

## גניבה

א) מען טאָר נישט געניסען פינעם חבר אָהן זיין וויסען, כאָטש ער ווייסט זיכער אַז טאָמער דער חבר זאָל זיך דערוויסען וואָלט ער זיך געפרייט, וועגען ליבשאַפט פין איינעם צום צווייטען, דערפאַר דאַרף מען אַכטונג געבען אויב ער גייט אין חבר׳ס גאָרטען טאָר ער גאָרנישט נעמען אָהן בעל הבית׳ס וויסען.

ב) דאָס זעלבע פאַסירט ווען איינער וואוינט אינעם חבר׳ס דירה אין ער האָט נישט גענימען רשות צי ניצען זיינע עסענס, איז ער לכאורה נישט באַרעכטיגט צי נעמען פין פריזשידער, אָדער קלאָזעט עסען אָדער געטראַנק אָהן עקסטער רשות פין בעל הבית, (אויב עס איז אַ שעהד״ח זאָל מען פרעגען אַ שאלה פין אַ מורה הוראה (רז״ש ה׳ מציאה) [קיק ווייטער או׳ ג׳].

ג) פאַרהאַנען אַמאָל אַ היתר דהיינו אויב ער איז געוואוינט שטענדיג צי עסען פין דאָרט מיט רשות, דעמאָלט איז ער ערלויבט צי נעמען אויב ער האָט אַמאָל נישט גענימען קיין רשות, און דאָס אויך נאָר אויב דער בעה״ב וועט זיך שפעטער פרייען (שם).

ד) עס קען לייכט פאַסירן אַז מען זעהט עפעס אַ שיינע זאַך ביים חבר אין דאָס האַרץ גליסט צי האָבען דאָס זעלבע, דעריבער מיטשעט ער דעם חבר אויב ער קען דאָס אים פאַרקויפען, זאָל מען וויסען אַז דאָס איז אַ איסור מן התורה אפילו אויב דער חבר האָט דאָס נישט פאַרקויפט, אויב ער האָט עס אים נאָך פאַרקויפט איז ער באַגאַנגען צוויי איסורים מה״ת (מכילתא יתרו, רמב״ם ה׳ גזילה ואבידה ה״ט, שו״ע חו״מ).

ה) אַמאָל פאַסירט אַז מען קען קויפען אַ גרויסע מציאה, אָבער מען ווייסט אַז דער פאַרקויפער האָט געגאַנבעט די זאַכען, טאָר מען נישט קויפען פין אים אפילו אויב דאָס איז אַ גוי (חו״מ ה׳ גזילה).

ו) אויב דער פאַרקויפער זאָגט אָן פאַרען קונה ער זאָל באַהאַלטען דאָס

וואָס ער פאַרקויפט אים טאָר ער דאָס שוין נישט אָפּקויפן, וועגן חשש אַז דאָס איז אַ געגזלטע זאַך (חו"מ ה' גזילה).

ז) טאָמער האָט זיך איינער פאַרטוישט זיין מאַנטעל אָדער שטריימעל, היט, וכדומה און מען פירט זיך אַז מען ניצט ביז דערווייל דאָס געטראָפענע איז דאָס טיילמאָל קעגען די הלכה (חו"מ קל"ו). מען דאַרף אַ שאלה פרעגען וואָס מען זאָל טוהן.

ח) עס טרעפט גאָר אָפט אַז מען וויל אַ שפיל מאַכען און מען כאַפּט צי עפּעס פינעם חבר אָהן זיין וויסען און מען באַהאַלט דאָס דערנאָך גיט מען עס צוריק, זאָל מען וויסען אַז דאָס איז אַ איסור גמור, און לויט געוויסע פוסקים אַ איסור דאורייתא (ב"מ ס"א:, חו"מ ה' גזילה, ורמב"ם שם).

ט) עס איז אַ הלכה מפורשת אין שו"ע (חו"מ שע"ח ס"ב רמ"א קנ"ד ס"ג) אַז מען טאָר נישט נייגעריג זיין צי זעהן אין וויסען יענעמ'ס פּריוואַט זאַכען וואָס ער טיט אין זיין שטיב, אָהן זיין וויסען, ווייל עס איז גאַנץ מעגליך אַז דער חבר איז נישט צופרידען מען זאָל וויסען זיין געהיימניסען, דערפאַר דאַרף מען אַכטונג געבען אויב מען שטייט איין אין חבר'ס דירה, אָדער אפילו אַן אייגען קרוב, דאָס זעלבע ווען מען גייט דאָרט צי אַ שמחה זאָל מען נישט זיין גלייכגילטיג צי עפענען אַלע לעדילעך אין שאַפעס, ווייל אפשר און מן הסתם איז דער בעל הבית נישט מסכים צי דעם, אפילו ער שעמט זיך דאָס אָנציזאָגען בפירוש.

י) לויט איין דיעה דאַרף מען גאָר אַכטונג געבען אויב עס קימט אויס צי שטיין נעבען יענעמס אָפענע טיר אָדער פענסטער זאָל מען זיך אַוועקדרייען, אַז מען זאָל אפילו נישט חושד זיין אַז ער קיקט נאָך.

יא) אַזוי אויך טאָר מען נישט נאָכקיקען יענעמס שריפטען אין בריפען, (חדר"ג, כלבו, באה"ג של"ד).

*יא) עס איז פאַרהאַנען צדיקים וואָס קענען מיט זייער תפלה אַרויסשלעפן פין גיהנם, דער וואָס האָט געטוהן מצות און מעשים פין געגזל'ט געלט קען ער נישט, (רב ייבי תהלים ט"ז).

יב) עס איז דאָ אַ מענטש וואָס גזל'ט און מען באַמערקט דאָס נישט, דער וואָס וואוינט מיט מענטשען און פאַרגינט זיי נישט (ס"ח קי"ט).

יג) אויב ראובן איז מכבד זיין אורח שמעון צו עסען, אינמיטען קימט אַריין לוי, און ווייל עס פאַסט נישט איז מען אים אויך מכבד צו עסען, אויב ער ווייסט נישט זיכער אַז יענער וויל אמת'דיג ער זאָל עסען, זאָל ער זיך דערווייטערן דערפון, וועגן סרך גזילה, דאָס זעלבע ביי עהנליכע פאַלען, אַז

מען האָט דאָס מינדעסטע פאַרדאַכט אַז דער בעה״ב מיינט עס נישט ערנסט נאָר דאָרך אַ סיבה טיט ער עס, נישט קיין חילוק אויב דאָס איז אַ מתנה, אָדער עסען, שלאָפען געבן, אָדער אפילו פאַרקויפען עפעס, זאָל מען זיך דערוויטערן דערפון, (ערוה״ש שנ״ט ס״א) און נישט ווי דער מנהג איז צי זאָגען אַז אַזוי ווי דער בעה״ב האָט מיר געגעבען רשות אָדער געהייסען איז זיכער גיט.

יד) דער וואָס באָרגט און ניצט יענעמ׳ס חפץ אָהנע וויסען פין בעל הבית, הייסט אַ גזלן, (רמב״ם ה׳ גזילה, חו״מ שנ״ט, ש״ע הר״ז, קש״ע), אפילו ער באָרגט דאָס פין איינעם וואָס האָט געבאָרגט (חו״מ שמ״א).

## גניבה וגזילה

א. גזל׳נען איז זייער אַ מיאוסע און געמיינע זאַך, דער חפץ חיים שרייבט (שפת תמים פ״ג) אַז אפילו ווען איינער האָט נאָר גורם געווען אַ שאָדען פון איין פרוטה פאַרען חבר, ווערט דאָס אין הימעל פאַרעכענט, פינקט ווי ער וואָלט געהאַרגעט יענעם מיט זיין הויזגעזינד.

ב. וואָס איז דער גורם צי גנב׳ענען און גזלן׳ען שרייבט דער חפץ חיים ז״ל, דער מוסרות, וואָס מען האָט זיך ציגעוואוינט צי לעבען זעהר לוקסוס׳דיג, עס מאַכט זיך אָבער אַמאָל אַז מען איז פשוט נישט ביכולת מיטען קליינעם פאַרדינסט נאָכציקימען דעם הויכען לעבענס שטייגער דאַרף מען גזלן׳ען, וכדומה.

ג. וויסען דאַרף מען אָבער אַז דער שטראָף פאַר דעם איז אונגעהויער גרויס אויף דער וועלט, און אויף יענע וועלט, אויף די וועלט איז דער סוף אַז ער ווערט אָהן דאָס גאַנץ פאַרמעגען, די עבירה האָט בכח צי פאַרזיגלען זיין גזר דין אויף שלעכט, מער ווי אַלע עבירות, און דאָס איז איינס פון די הויפט אורזאַכען וואָס היינט צי טאָג גייען ציגדינד אידיש געלט ווי יעדער זעט אַז רייכטוהם האַלט זיך נישט לאַנג דאָס איז נאָר דאָרך די איינגעריסענקייט פון גזל, (באר הגולה חו״מ ר״י ה׳ גזילה).

ד. אויך ברענגט דאָס צו אַז אין הימעל הערט מען נישט צי דאָס געבעט ווי לאַנג ער האָט ביי זיך דאָס גע׳גזל׳טע געלט (ביז אַהער זענען די רייד פון חפץ חיים).

ה. ביי דער געלעגענהייט טרעפן מיר פאַר וויכטיג צי דערצעהלען אַ קורצע ביישפיל, וואָס דער מוסר השכל דערפון איז זייער גרויס, אַ יונגעל וואָס איז געווען אַ באַוואוסטער גנב, נישט געריהט, געאַרבייט מעשים געגנב׳ט רעכטס און לינקס ווי און וואָס עס האָט זיך געלאָזט, האָט מען אים אַמאָל

געניםען אויפען פאַרהער, היתכן ווי קומט צי דיר אַזאַ מין געמיינהייט, דער תירוץ האָט ער פאַרענטפערט אויפען פלאַץ, קורץ און שאַרף „מיט מיינע אויגען האָב איך געזען ווי מיין טאַטע האָט געטוהן אַ שטיקעל (מיר קענען דאָ נישט מאריך זיין) וואָס ער גנב'ט דאָרך דעם גרויסע געלטער, במילא פאַרוואָס זאָל איך בעסער זיין"??? דערפין קען מען זיך לערנען אַז הגם מען רייסט געלטער רעכטס און לינקס מיט פאַרשידענע אָדער אָהנע היתרים אָבער אויפען קינד ווירקט דאָס נישט גוט.

ו. געלט וואָס מען נעמט פין יענעם וואָס האָט דאָס געגעבן מחמת בושה איז גזל, (כה"ח למהרח"פ או' ט', סי' כ"א, פלא יועץ או' גזל.

ז. יעדע זאַך איידער מען טיט זאָל מען זאָגען אם ירצה ד', טאָמער האָט ער פאַרדינט זאָל ער זאָגען איך האָב פאַרדינט „בעזה"י" מיט דעם איז מען מקיים די מצוה ולדבקה בו, דורך דעם וועט מען ביי אַלעם מצליח זיין, (של"ה, קשל"ה, כה"ח סי' כ"א, או"צ ה' ד"א).

ח. אויב מען דריקט איינעם צי ער זאָל פאַרקויפען ביליג, און ער טיט עס באין ברירה (ווייל יענער איז אַ קרוב, אָדער שיינער איד, אָדער אַ פגע וואָס מוטשעט), ער האָט נישט געקענט אָפּזאָגען איז דאָס גזל, (פלא יועץ גזל).

ט. מען טאָר נישט גזל'ן פין אַ גוי אויך נישט (רמב"ם ה' גזילה פ"א, סמ"ג, טוש"ע שנ"ט ס"א, ש"ע הגר"ז, קש"ע, רש"ל פ' הגוזל, חכ"צ סי' כ"ו, שו"ת הרדב"ז) און אפילו אָפּנאַרען ביים האַנדלען טאָר מען אויך נישט (שם), די מקובלים שרייבען אַז אַ איד וואָס גזל'ט פין אַ גוי, איז גורם אַז דער שר פונעם גוי זאָל גזל'ן פין זיין קדושה צו די קליפה רח"ל (פלא יועץ שם).

י. מען זאָל זיך געוואוינען צו זאָגען ביי יעדע זאַך בלי נדר (עיר מקלט להרד"ל).

## גניבת דעת

א) מען טאָר נישט פרעגן פין אַ סוחר וויפיל קאָסט דאָס? ווען מען ווייס אַז מען וועט דאָס סייווי נישט קויפען, (ב"מ נ"ט, טוש"ע חו"מ רכ"ח).

ב) אויב איינער פאַרקויפט יענעם אַ זאַך וואָס האָט אַ פעלער אפילו עס איז ווערט דאָס געלט דאַרף מען דאָך זאָגען פאַר'ן קונה דעם פעלער, אפילו אויב דאָס איז אַ גוי, און אדרבה דאָרט איז נאָך ערגער ווייל עס גרעניצט זיך מיט חילול ד' (שם).

ג) מען טאָר נישט מוטשען יענעם זאָל קימען עסען צו אים ווייל מען ווייסט אַז ער וועט סייווי נישט קימען, אָבער איינס צוויי מאָל בעטען מעג מען

און עס איז רעכט אַזוי צו טוהן, ווענן כבוד וועגן, ווייל עס זאָל זיך נישט דאַכטען פאַר יענעם אַז ער איז אַ מבוזה, (שם ובסמ״ע, וערוה״ש).

ד) דאָס זעלבע מיט געבן אַ מתנה פאַר יענעם א.ד.ג. אָבער אויב איינער פאָרט אַוועק און ער באַגעגענט איינעם קימענדיג פין אינטערוועגנס, און עס דאַכט זיך פאַר יענעם אַז מען איז אים געקימען מקבל פנים זיין איז מען נישט מחויב יענעם צו זאָגן אַז נישט, (שם). דעריבער זאָל מען נישט זאָגן פאַר יענעם ווייל אַמאָל קען יענעם ווי טוהן דאָס זאָגען, מער ווי די זאַך אַליינס, (פשוט).

ה) מען טאָר נישט נעמען אַלטע זאַכען און איבעראַרבעטן און פאַרקויפען אַלס ניי, (שם). ליידער איז דאָס אַ גרויסע פירצה ביים עולם הסוחרים, בפרט ווען דאָס איז געשיר וואָס מען ניצט צו עסען איז מען מכשיל דעם קויפער טיילמאָל מיט מאכלות אסורות.

ו) מען טאָר נישט פאַרקויפען שלעכטע פרוכט מיט אַנדערע עסענוואַרג, וואָס פין אויבען לייגט מען שיינע אָפּצינאַרען אַז דאָס גאַנצע איז שיין, (שם).

## גוי׳יש רעדען

א. ליידער איז שטאַרק איינגעריסען גוי׳יש צי רעדען אפילו אין גאָר חסידישע שטיבער, וואָס לויט טייל פוסקים איז דאָס אסור מן התורה (ב״ח ש״ך סמ״ג קע״ח, קש״ע סי׳ ג׳, וע״ע חת״ס (אה״ע ח״ב י״א) ותדב״א (סוף פכ״ג) ובנ״י ודפ״ק מצות השבתת חמץ), די ספרים שרייבען אַז דאָס רעדען די זעלבע שפראַך ווי דער גוי איז אַ גרויסע סיבה אַז מען זאָל ווערען איינס מיטן גוי ח״ו (מצודות צפני׳ ג׳ ט׳), דערפאַר דאַרפען די עלטערן אַליין אַכטונג געבען נישט צי ניצען די גוי׳שע שפראַך נאָר ריין אידיש, און אַזוי מדריך זיין די קינדער, אויך די לערערין זאָלען רעדען צי די קינדער וועגען דעם.

## ד

## דאקטוירים

א. מיר האָבען שוין אויפמערקזאַם געמאַכט דעם ציבור אַז דער איסור פון יחוד גייט אָהן אפילו ווען מען גייט צי דאָקטוירים, און נאָך אַסאַך מער, אין לויטען פסק דין פין כ״ק אדמו״ר מפאפא שליט״א, והגאב״ד מדעברעצין שליט״א, טאָר מען נישט גיין צי קיין מענער דאָקטער נאָר מיט אַ באַגלייטונג פון אַ צווייטע פרוי, אָדער מיטען מאַן.

ב. מיר מיזען באַמערקען אַז דער היימישער חרדישער עולם האָט דאָס זייער ערנסט אויפגענימען, און אָנגענימען ערנסטע שריט אויסציפאָלגען דעם דעת התורה פין דין גדולי דבנים שליט״א, דאָס זאָל אויך זיין אַ מוסר פאַר אַנדערע נאָכציטוהן, (ועי׳ מדור הצניעות קו׳ קרושת בנות ישראל).

## דערמאנען גוי׳שע חדשים

א. טייל פירען זיך אַז ווען זיי דאַרפען שרייבען און דערמאָנען דעם גוי׳שן חורש שרייבען זיי נאָר אַ נומער, צ.ב.ש. אויב זיי ווילען שרייבען „אפריל״ דער זעקסטער, שרייבט מען אַזוי 6/4, דאָס איז אַ איסור גמור מן התורה און בעסער איז צושרייבען אפריל 6, (עין יעקב ברברי הכותב פר״ק רמגילה, שו״ת משנה שכיר ק״כ).

## ה

## הכנסת אורחים

א) די אייניקלעך פין אברהם אבינו זענען באַוואוסט מיט זייער גוטהאַרציקייט, און געטריישאַפט צי העלפן פאַר יערען בפרט אין די גרויסאַרטיגע מצוה פון הכנסת אורחים, וואָס האָט נישט קיין גרעניץ צי איר שכר, פינדעסטוועגן טאָר מען נישט פאַרגעסן אַז יערע מצוה מיז אַראָרך אָהן קיין שום עבירה אויב נישט פאַרלירט דאָס די ווערט.

דערפאַר מיזען מיר אַרויסברענגען אַ פאַרוויטאָגטען פראָבלעם וואָס הערשט ליידער ביי פיהל הכנסת אורחים, מען גיט פאַר די אורחים צי עסען ציזאַם מיט די גאַנצע משפּחה אויף איין טיש, וואָס דאָס ברענגט אומבאַ־קוועמליכקייט פאַרען גאַסט ברוחניות ובגשמיות, בפרט ווען מען דיפט צי זיך אַ בחור, אָדער צוויי, אויף שבת און יו״ט וכרומה, אין דער בעל הבית האָט ערוואַקסענע קינדער אין שטיב איז דאָס שטאַרק נישט אויסגעהאַלטן און זייער האַרב צי געבען עסען אויף איין טיש, און מען זאָל דאָס נישט גרינג האַלטען אפילו ווען דאָס איז אַ נאָנטע משפּחה.

פאַרגעסט נישט די הייליגע ווערטער פין הגה״ק מסטרעליסק זי״ע! אַז אַן **אורח ביים טיש איז חשוב ביים באַשעפער פונקט ווי ער וואָלט געגעסן מיט אַלע כוונות האריז״ל** בתנאי ער זאָל נישט עסען מיט די משפחה ביי איין טיש, (ועיין בספרי שלחן ישראל על הלכות הכנסת אורחים באריכות גרולה).

## ח

## חינוך יר"ש אין די יוגנט

א. דער קאזשינצער מגיד זצ"ל (באבות, וכל שחכמתו מרובה ממעשיו) שרייבט עס געפינען זיך נאַרישע טאַטעס וואָס קיקען נישט אויף דעם קינד'ס יר"ש אין די יוגנט נאָר ער זאָל זיין אַ ת"ח, מיטן תירוץ אַז יר"ש וועט ער נישט פאַרפאַסען אויך שפּעטער, ביז דערווייל איז דאָס אַ טעות, ווייל דערנאָך איז שוין פאַרשפּעטיגט נאָר מען דאַרף אָנהייבען תיכף אין די יוגנט (וכ"כ בנוצ"ח להגה"ק מקאָמרנא זצ"ל אבות פ"ג).

ב. קיקען שטענדיג איפען הימעל איז מסוגל צו יר"ש (כתבי האריז"ל) קיקען אויף די ציצית (סידור ר' שבתי), מקיים זיין די מצוה פין אויפשטעלען זיך פאַר אַן עלטערן, אָדער גרויסער ת"ח (זוה"ק, מד"ר פ' בהעלותך, ירושלמי, חדרים פ"ו), לערנען תורה שטענדיק (ר"ח שער היראה פט"ו), צי געבען מעשר (נחל קדמונים, קדושים בנ"י סיון מאמר ה'), צי האַלטען אין שטיב די ספרי הרמב"ם (מדרש פנחס, קאריץ), לערנען פלייסיג טור און ב"י (דברי יצחק בשם הר"ש מבעלזא זי"ע).

## י

## יחוד

מיר ווילען אויך מאַכען אויפמערקזאַם אַז די וואָס פאַרדינגען אַ שטיבעל, אָדער צוויי פין זייער דירה פאַר אַן איינצעלנעם מאַן אָדער פרוי, דאַרפען זייער אַכטונג געבען, ווייל עס קען גרינג ציקימען צי יחוד.

אויף שרה'ס געצעלט איז געווען אויפגעשריבען אהל שרה כדי אַ מאַן זאָל נישט אַריין גיין און נכשל ווערן מיט איסור יחוד.

## כ

## כוונת ברכת המזון

א. דער הייליגער רבי ר' בער מעזריטשער מגיד זי"ע, האָט געוואָרענט אַז מען דאַרף מער אַכטונג געבען אינזינען האָבען דאָס בענטשען ווי דאַווענען, ווייל בענטשען איז מן התורה (תולדות אהרן, שופטים).

## כשרות, זהירות אין עסען

א. מען דאַרף זייער שטאַרק אַכטונג געבן ווייל עס טרעפט זייער אָפט אויף די עפּלעך, פּיטשעס, פלוימען, ווי אויך אַנדערע פרוכטען, גאָר קליינע

לעכלעך, אָדער פינטלעך, וואָס קען זיין גאָר אַן ערנסטע חשש פין ווערעם. און נאָר ווען מען באַטראַכט שטאַטליך די פרוכט פין דרויסען באַמערקט מען דאָס, ווייל די שאָלעכטץ האָט אַ טינקעלע פאַרב, דערפאַר איז פין גרויס וויכטיקייט אַז איידער מען עסט די פרוכט זאָל מען דאָס גיט באַטראַכטען פין אַלע זייטען און אַוועקשניידען די אויבענדערמאָנטע.

ב. „דייטלען" מיזען מיר עקסטרע אויפמערקזאַם מאַכען, אַז מען טרעפט טאָג טעגליך פיל מיט מילבען אינעווייניג, דאָס הייסט ווען מען נעמט אַרויס דעם קערל פין דייטעל אויף יענעם פלאַץ אינעווייניג אַרים און אַרים איז פיל מיט פיצלעך מילבען, באַטראַכט דאָס שטאַט וועט איר זיך איבערצייגען.

ג. דאָס אייניגע איז אויך מיט אַמעריקאַנער ניסלעך (Peanut) טרעפט מען זייער אָפט אינעווייניג ווי קליינע שטיקלעך שמיץ, דאָס קען זיין מילבען, דעריבער דאַרף מען יעדען ניסעל עקסטערע אַדאָרכקיקען, אַנדערע ברענגען עס אויס אין אויבען.

ד. אין רייז געפינט זיך אָפט ווערים, וועגען דעם דאַרף מען לאַנגזאַם און פאָרזיכטיג באַקיקען די רייז פאַרען קאָכען, די ווערים קיקען אויס פינקט ווי די רייז אין גרויסקייט ווי אויך אין פאַרב, מדקדקים האַלטען עס אין פריזשידער, בפרט זימער.

ה. אויך מעהל אויב עס ליגט אַוועק אַ לענגערע צייט איז ראַטזאַם דאָס צי האַלטען אין פריזשידער, דאָס זעלבע מיט סיריאל וואָס מאַכט זיך ווערים און מילבען איז זייער וויכטיק אין ריכטיג צי האַלטען דוקא אין פריזשידער.

ו. אין גרינע באנדלעך געפינט זיך ווערים אינעווייניג וואָס מען דערקענט לגמרי נישט פין דרויסען, די עצה איז דאָרכצישניידען יעדע איינע אין די לענג (עהנליך צי דעם וואָס מען ריפט (French Style) אין באַקיקען.

ז. די ניסלעך וואָס הייסען וואלאנט (Walnut) האָבען אַ גאָר ערנסטע חשש מילבען, די עצה איז ווי פאָלגענד קודם שפרייט מען אויס די ניסלעך (נאָכן אפשיילען) אויף ווייס פאַפיר, אין מען באַטראַכט פאָרזיכטיג אויב עס קריכט גאָרנישט, דערנאָך לייגט מען אַלעס ארויף אויף אַ בעקעלע מען שטעלט דאָס אַריין אין אויבען אַפאָר מינוט אין מען ברענט דאָס אָפּ, דאָס זעלבע קען מען טיהן מיט פינוטס (Peanuts).

ח. די קליינע האַרטע ניסלעך (Hasel Nuts) טאָר מען נישט עסען סיידען מען מאַכט אויף יעדעס איינע און מען באַקיקט דאָס גיט פון אינעווייניג.

ט. קעסטען ניס (Chestnuts) דאַרף מען אויך גיט באַקיקען אינעווייניג יעדע איינע באַזינדער, ווייל מען טרעפט ווערים.

מען זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל געדענקען אַז אַלע ניסלעך אָהן אויסנאַם טאָרען נישט געגעסן ווערען אומבאַקיקט ווייל ביי איין עסען קען מען עובר זיין שווערע צענדליגע עבירות פין ווערים עסען, דעריבער טאָר מען נישט עסען ניסלעך שמיסענדיג, און פאַרטראַכט, נאָר שטאַט באַקיקען יעדעס ניסעל אַרום און אַרום.

מיר ווילען אויך אויפמערקזאַם מאַכען אַז מען קען זיך נישט, און מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזען אַז טאָמער איז דאָ אַ ווארעם שפירט מען באַלד אַ שלעכטען טעם אין מויל, דאָס איז אַ שעדליכער גרייז, ווייל דאָס צייגט נאָר אויפען פרישקייט פין פרי, פיל פירות, גרינצייג, אָדער פיש וכדומה, פאַרמאָגען ווערים וואָס האָבען פינקט דעם זעלבען טעם ווי דער עסענוואַרג אַליין.

י. באַנדלעך דאַרף מען גיט באַקיקען, און יעדע באַנדעל וואָס האָט די קלענסטע פינטעל אָדער לעכעל זאפארט אוועקוואַרפען.

יא. האַרבער פין דעם זענען אַרבעס (Peas) וואָס מען טרעפט גרויסע פליגלעך און ווערים אינוויינינג וועגען דעם דאַרף מען פאָרזיכטיג באַקיקען יעדע איינע באַזונדער אויב מען טרעפט אפילו אַפיצעל לעכעל גרויס ווי אַ שפּיץ נאָדעל קען שוין זיין אינעווייניג גרויסע ווערים.

יב. נאָך שווערער זענען „זכר באַנדלעך" דאָרט טרעפט מען סאַך פליגלען און ווערים אינעוויניג, און אָפטמאָל באַמערקט מען גאָרנישט פין דרויסען.

יג. וויסען דאַרף מען אַז ביי אַלע עסענוואַרג אָהן אויסנאַם קען זיך מאַכען אַמאָל ווערים, אַמאָל פין אַלטקייט, פין ליגען אויף אַ הייסען פלאַץ, אויף אַ נישט ריינעם פלאַץ.

יד. גלייכצייטיג ווילען מיר אויפמערקזאַם מאַכען אַז דאָס אויבענדערמאָנטע גייט אויך אָהן ביי געקענטע גרינצייגען, און דאָס דאַרף גיט באַקיקט ווערען.

טו. באַמערקונג: כדי צי פאַרמיידען ווערים פין עסענוואַרג זאָל מען אַכטונג געבען צי האַלטען די עסען דוקא אויף אַ קיל פלאַץ, אפילו אין פריזשידער, ווייל ווי קילער איז בעסער, דאָס פאַרקערטע איז אָבער ווען מען האַלט עסענוואַרג ביי אַ וואַרימען פלאַץ, ברענגט דאָס זייער שנעל ווערים.

יעדענפאַלס זאָל מען פאַר קיין שום פאַל נישט האַלטען עסען׳ס אין אַ שאַנק (קלאַזעט) וואָס שטייט העכער אַ געז אָדער אויווען, אָדער דערנעבן אַז די היץ גייט אַריבער, ווייל דאָס קען מאַכען ווערים אין אַלעם, אפילו אין צוקער, זאַלץ, קאַקאָ , און אַנדערע זאַכען, אויב יאָ דאַרף מען אַלעס באַקיקען, ווייל עס

איז שוין פּאַקטיש געפינען געוואָרען ווערים אין די סאָרט עסענס, דאָרך היץ און וואַרעמקייט.

טז. די עלטערן דאַרפן אַכטונג געבען אויף זיך און די קינדער, פין די בליר־בעריס (Blue Berries) וואָס וואַקסען אין די זימער קעמפּס און קאָנטריס, נישט צי געניסען דערפין, ווייל זיי זענען פיל מיט ווערים און מען קען עס כמעט נישט קלויבען ווי מען דאַרף, דאָס זעלבע איז אויך געזאָגט ביי רעספּבעריס, בלעקבעריס, סטראָבעריס (Raspberry, Blackberry, Strawberry).

יז. ראָזינקעס דאַרף מען אויך גיט קלויבען ווייל עס טרעפט זיך מילביגע אויך, אויב מען וויל מאַכען ווייַן דערפין, זאָל מען זיך דערשמיסען מיט אַ מורה הוראה וועגען אַלע איינצעלהייטען.

יח. זימער דאַרף מען זייער אַכטונג געבען נישט צי האַלטען קיין עסענס אָדער געטראַנק אויפגעדעקט ווייל עס פליען אַריין קליינע פליגלעך, ביים עסען ווען מען האָט נישט קיין ברירה, זאָל מען אָבער גיט איבערקיקען דאָס עסען איידער מען נעמט אין מויל אַריין, ווייל מיט איין פליגעל קען מען ח״ו עובר זיין זעקס לאוין.

## ל

## ליגענט זאגען

א. דער של״ה הק׳ (שער האותיות או׳ דרך ארץ) איז שטאַרק מאריך אין די וויכטיגקייט איינציוואָרצלען מדת אמת אין קליינע קינדער, ווייל דאָס איז דער יסוד פין אַ גאַנץ לעבען (קיק או׳ ג׳) אויב מען געוואוינט נישט פין קליינוויז אָהן איז נאָכדעם שוין צי שפּעט. נאָך שרייבט ער ווייטער אַז מען דאַרף געבען קינדער גיטע זאַכען, אַלעס אַז זיי זאָלען אויסזאָגען דעם אמת, און אפילו טיילמאָל פאַרציכטען אויף אַן עולה וואָס ער איז באַגאַנגען כדי ער זאָל מודה זיין דעם אמת. דער חפץ חיים שרייבט (שפת תמים פ״ז) דער וואָס איז געוואָרענט שטענדיג מיט מדת אמת ראַטוועט ער זיך מיט די משפחה פין טויט, צום לעבען.

ב. געדענקט די חז״ל לערנען אונז (סוטה מב.) אַז ליגענט זאָגערס וועלען קיינמאָל נישט זוכה זיין מקבל זיין פני השכינה, דער גרעסטער שטראָף וואָס קען נאָר זיין, איז עס טאַקע גאָרנישט צי גלייבען אַז וועגען אַביסעל געלט זאָל מען ליגענט זאָגען אינדערצייט וואָס דער מדרש זאָגט (פ׳ נח, ע״ש בדעת זקנים) אַז וואָס מען פאַרדינט דאָרך שקר גייט אויף שלימ׳מזל, דאָס מיינט אַז מען פאַרלירט דאָס ערגעץ אַנדערש.

ג. דער ספר חסידים ברענגט די באַוואוסטע מעשה וויאַזוי אַ גרויסער רשע האָט תשובה געטוהן און זיך געהאַלטען נאָר דורך נישט זאָגען ליגענס.

ד. אפילו דאָס ווינקען פין קאָפּ יאָ, אָדער ניין, אָדער ווינק מיט די אויגען, אָדער הענט, זאָל זיין אמת, (קשל"ה, כה"ח סי' כ"א, תו יהושע). געדענקט דעם אל"ף בי"ת, **אמונה ברכה, גזילה דלות**, (כה"ח שם).

## לערנען מוסר

א. לערנען מוסר איז געוואַלדיג וויכטיג, דער ס' חוקי חיים שרייבט אַז ער האָט געהערט אין נאָמען פין ר' הלל קאלאמאיער זצ"ל דאָס ער האָט געזאָגט דער וואָס לערנט נישט מוסר ווערט אַ מומר (פרייער) רח"ל, אין ס' חוט המשולש ווערט געברענגט אַז דער הייליגער חת"ס פלעגט זאָגען פאַר די תלמידים „גלייבט מיר אַז דעם טאָג וואָס איך לערן נישט מוסר שפיר איך אַ אָפּגעקילטקייט אין יראת שמים". דער חיי אדם (כלל קמ"ג שרייבט עס איז אַ חוב אויף יעדען מענטש צי לערנען יעדען טאָג מוסר, און דאָס איז וויכטיגער ווי אַלע אַנדערע לערנען, אפילו ער זאָל דאַרפען מבטל זיין אַן אַנדער שיעור צוליב דעם דאַרף ער דאָס אויך צי טוהן, דער ר"ר יהונתן זצ"ל שרייבט (יער"ד ח"א דרוש י"ב) דער וואָס ווערט טיטולירט „איד" ליגט אויף אים אַ חיוב צי לייענען יעדען טאָג צי פריה אין ביינאַכט אַפּאָר בלאַט מוסר, און אַזוי אויך איז אַ חיוב צי לערנען מיט תלמידים בחורים און בעלי בתים מוסר פאַרען לערנען, ווייטער אין קו' חינוך ישראל סבא ברענגען מיר פין מערערע ספרים די וויכטיגקייט פין לערנען מוסר.

ב. און אַזוי אויך פרויען אין מיידלעך ליגט אַ פליכט אויף זיי צי לייענען יעדען טאָג מוסר ספרים אויף אידיש, ווי דער חת"ס פלעגט לערנען מיט זיינע טעכטער מנורת המאור, דעריבער דאַרף יעדער יונגערמאַן וואָס האָט אַ שיעור קבוע צים לערנען זעהן דערצי אַז תיכף פאַרן שיעור זאָל ער לערנען מוסר, דאָס זעלבע איז וויכטיג אויך פאַר די וואָס לערנען פאָר שיעורים ברבים, סיי פאַר בחורים סיי פאַד בעלי בתים. מלמדים זענען נאָך פיהל מער מחויב דאָס צי טוהן, ווייל דעמאָלטס ענטוויקעלט זיך אין קינד זיינע אייגענשאַפטען, צי ווייזען אַז אָהן ידאה איז דאָס לערנען גאָרנישט, און אָהן תורה קען מען נישט זוכה זיין צי ריכטיגע ירא"ש.

באַמערקונג: עס איז מעדקווירדיג אַז דער גרויסער באַלוינונג וואָס איז אָנגעגרייט לעתיד פאַר מלמדים, איז ווייל זיי טועהן מחנך זיין די קינדער זיך צי פירען אויפען ריכטיגען וועג (רש"י ב"ב ח:) דעריבער טייערע מלמדים פאַרגעסט נישט דעם עיקר.

ג. דאָס זעלבע איז אויך געזאָגט פאַר די לערערינ'ס פין די מיידלעך, דאַרפען האָבען פאַר זייערע אויגען וואָס פאַראַ נסיונות עקזיסטירט אַלס אין דעם פינסטערען גלות, אין וויפיל אַ קינד דאַרף אַדאָרך צי גיין איידער זי איז זוכה צי פירען אַ אידישע שטיב און נאָכדעם, דעריבער דאַרף מען האַלטען אין איין מוסר זאָגען און מדריך זיין די קינדער, נאָר דאַמאָלס קען מען האָפען צי זעהן כשר'ע פירות, אין אויפהאָדוועו אַן עכט כשר'ע ערליכע שטיב אויפען דרך פון די אבות, און דער זכות וועט אַודאי ביישטיין פאַר זיי לעתיד לבוא, אין דערפאַר זאָל מען נישט לייגען די גאַנצע געוויכט אַסאַך ציזאַם לערנען מיט די מיידלעך, ווייל דאָס לערנען ווערט עפ"י רוב פאַרגעסן שפעטער אָבער יראת שמים, בלייבט.

ד. דער קש"ע (קס"ה) שרייבט מען זאָל אויסקלויבען אַ מלמד אַ יר"ש כדי ער זאָל געוואוינען דאָס קינד פין קליינוויז מיט יראת שמים.

## לשון הרע

א. דער חובת הלבבות (שער הכניעה פ"ד) שרייבט, פיל מענטשן וועלען טרעפען אויף יענע וועלט מצות וואָס זיי האָבען קיינמאָל נישט געטוהן, וועט מען זיי ערקלערן אַז דאָס האָבען זיי באַקימען במתנה פין די אַלע וואָס האָבן גערעט לשה"ר אויף זיי, דאָס אייגענע פאַרקערט אויך, דער וואָס רעדט אויף אַנדערע וועט טרעפען אַז זיינע מצות פעלען אויבען, (וכ"כ בס"ח, של"ה, ובמגיד מישרים ויקהל, ועי' מהרש"א ע"ז יט, יש"מ פ' תצוה), טראַכטענדיג בלויז פין דעם ווערט שוין קאלאמאטנע אויפען האַרץ, אַלע אָפגעשוויצטע אָנגעהאָרועטע מצות און מעשים ווערט מיט געציילטע ווערטער אַוועקגנימען, אין געגעבען פאַר'ן צווייטען במתנה, האָט מען געהאָרוועט זיבעציג יאָר אומזיסט, דערפאַר לאָמיר זיך פאַרנעמען נישט צי רעדען אויף אַ צווייטען.

## מ

## מדת חסידות

א. אַ חומרא און מדת חסידות וואָס אַ איד פיהרט זיך, איז מער באַליבט פאַרען רבש"ע ווי דער מצוה אַליין (דע"ק ה' ס"ת רע"ו סק"ו) דער קב הישר (פמ"ג) פאַרעכענט פאַר איינע פין די פיר און צוואַנציג זאַכען וואָס האַלטען אָפ פין תשובה, דער וואָס לאַכט פון אַ מנהג חסידים.

ב. דער ראשית חכמה שרייבט (בכמ"ק) אַז דער וואָס לאַכט פין אַ מדת חסידות וואָס איינער טיט איז פינקט ווי איינער האַקט אָפ די פיס פין די וואָס ברענגען מתנות פאַר'ן קייזער (ועי' כ' יחזקא' פ' תבא).

ג. דער בני יששכר שרייבט (תשרי מאמר ד׳) אַז דער וואָס פירט זיך במדת חסידות, האָט אַ דירעקטע שמירה פון הימעל, עשרת ימי תשובה דאַרף מען זיך פירען במדת חסידות, (של״ה סז, מ״א תר״ג, בני יששכר שם, וש״א). דורך חומרות איז מען זוכה צום אור המקיף, (בני״ש תשרי מאמר י׳). דער עיקר שטאַרקייט פון חסידות כאָטש מען שפעט פון אים, לאָזט ער נישט נאָך, (ס״ח ט׳). ביי עבודת השי״ת טאָר מען זיך פאַר קיינעם נישט שעמען (ב״י, רמ״א סי׳ א׳) אפי׳ פאַר גרויסע לייט, (ב״ח, דרישה בשם רש״ל), אָבער נישט קריגען זיך (ב״י, מ״א), אפילו מיט גיטע ווערטער אויך נישט ווייל עס ברענגט גאוה (אזהרות מהר״א מסטאלין).

ד. פסח דאַרף מען מחמיר זיין אַלע חומרות (האריז״ל, שו״ת הגר״ז סי׳ ו, א״א בוטשאַטש, הנהגות מהר״נ מטשרנוביל, הנהגות הגה״ק מהר״ם מנעשכיז כמבואר בזכרון טוב.

ה. שבת דאַרף מען אויך מחמיר זיין אַלע חומרות (הנהגות מהר״ן מטשערנובל, זכרון טוב בשם הגה״ק מבאַרדיטשוב זי״ע, מנח״ש ע״ב, ט״ז, של״ה, ברכת חיים בשם מהר״ם מטשרנובל, אוהב ישראל פ׳ כי תשא, וע״ע באוה״ח הק׳ פ׳ בראשית, על פסוק ויברך אלקים, עי׳ ע״ש בשם ס׳ הזכירות, ובערבי נחל פ׳ שמיני, הנהגות בע׳ יש״מ, מאור עינים פ׳ ויקהל, אוה״ח הק׳ פ׳ ואתחנן, ע״ש בשם מרפא לשון, ובס׳ דב ייבא סו״פ נח, ואכ״מ).

ו. אַלע מצות וואָס מען טיט שבת, אפילו עס גייט אָהן אויך אינדערוואָכען דאַרף מען מער מחמיר זיין מיט אַלע חומרות וואָס איז מעגליך שבת, (ע״ש בשם של״ה הק׳, ותולעת יעקב, פנים יפות מהפלא״ה).

ז. דער הייליגער צאַנזער רב זי״ע שרייבט פאָלגענד: דאָס זאָג איך זיכער דער וואָס גלייבט אין אידישען דת, און איז אַ ירא ד׳ וועט נישט שפעטן איינעם וואָס איז מחמיר אַ חומרא, אפילו דער פשוט׳סטער מענטש אויך נישט, און ווער יאָ איז אַ אפיקורס, (ד״ח ח״ב יור״ד ל״ט).

ח. אין די אזהרות פון הדה״ק רא״ש מסטאלין שטייט: דער וואָס מאַכט חוזק פון אַ גיטע מדה אָדער מעשה, איז פון שורש גיחזי.

## מזוזות

א. מיר ווילען נאָכאַמאָל באַמערקען אַז מען טיט פאַרנאַכלעסיגען די מצוה פון מזוזה וואָס היט אָפּ דעם מענטש מיט זיין גאַנץ הויזגעזינד יעדע רגע פון טאָג, ווי עס שטייט אין שו״ע ה׳ מזוזה, (דר״מ יור״ד רפ״ז בשם מהר״ם) יעדע הויז וואָס האָט אַ מזוזה קען קיין שד ומזיק נישט האָבען אַ שליטה דאָרטן, דערפאַר זאָל מען נישט גלייכגילטיק זיין אין זיך פטר׳ן מיט ביליגע מזוזות, ווייל

אויף אַזאַ הייליגע מצוה, וואָס טראָגט מיט זיך אַזאַ גרויסע סגולה, פין שמירה טאָר מען נישט קאַרגען, ווי דער מהרש״ל שרייבט אַז מזוזה קימט צי פאַרלענגערן די יאָרען פין מענטש, און דערווייטערן אים פון אַן עבירה.

ווייל שטעלט אייך פאָר אַז וויפיל איר זאָלט באַצאָלען פאַר אַ מהודר׳דיגע מזוזה, איז דאָס אַלץ גאָרנישט געגען די ניצען וואָס מען האָט פין איר.

ערשטנס עס היט די גאַנצע משפחה פין סכנה, 2) היט אויס פין קראַנקהייטען, 3) ברענגט הצלחה אין די גאַנצע הויז, אין נאָך... דעריבער קאַרגט נישט די פאָר דאָלאר פין בודק זיין די מזוזה, און נאָר ביי אַ סופר מומחה ויר״ש מרבים, נישט אַ סופר וואָס ער אַליין דאַרף נאָך בדיקה אויף זיך, כ״ש ביים קויפען אַ נייע מזוזה.

ב. מיר ווילען אויך באַמערקען אַז די פאָרטשעס (Portch) אין קאָנטריס קען אויך אַמאָל חייב זיין במזוזה דעריבער זאָל מען פרעגען אַ שאלה פין אַ מורה הוראה.

ג. דאָס זעלבע דאַרף מען וויסען אויף אַ גאַנץ יאָר אַז די קלאָזועטס (Closets) וואָס מען שפאַצירט אַריין אין זיי זענען אויך טיילמאָל מחויב במזוזה, דעריבער זאָל מען פרעגען אַ שאלה, דאָס זעלבע איז אויך מיט די שטיבלעך וואָס איז געמאַכט צי האַלטען זאַכען אין איר.

ד. פין אַ שטיב אַרויסגאַנג צי אַ הויף דאַרף מען אויך אַ מזוזה.

ה. דער יש״מ שרייבט אַז ביי ציצית, תפלין, מזוזה, זאָל מען מדקדק זיין מיט אַלע דקדוקים, וואָס איז פאַרהאַנען און צו דעם צוועק האָבען מיר באַשריבען וויכטיגע דינים באריכות אינעם קונטרס „מזוזת שלום״.

## ס

### סכנה

א) מיר ווילען אויפמערקזאַם מאַכען אין דעם פרט פין דרייווען אַ קאַר, טראָק, באָס, וכדומה, דער דרייווער דאַרף וויסען און געדענקען דעם געוואַלדיגען אחריות אפילו ווען ער פאָרט אַליינס, כ״ש ווען ער פירט אַ גאַנצע קאַר אָדער טראָק מיט מענטשען, אַז מיט דעם מינדעסטע זאַך וואָס ער טיט קעגען דעם געזעץ ביים דרייווען שטעלט ער אין געפאַר אידישע נפשות, בפרט ווען עס גליסט זיך אים אַ שפיל צי געבען אין שטאָץ פאָרען 60 מייל אַ שעה פאָרט ער 80־90־100, האָט ער צוליב אומפאַראַנטוואָרטליכקייט געשטעלט אין סכנה אַלע וואָס פאָרען מיט אים, און ליידער זענען שוין אַסאַך משפחות

אומגליקליך געוואָרען צוליב די זאַכען, טאַטעס און מאַמעס זענען ציגענימען געוואָרען פין זייערע באַליבטע קינדער, מיטברענגענדיג אַ גרויס צער פאַר די משפחה אין קרובים, קינדער זענען אַוועקגעריסען געוואָרען פין די עלטערן, אַלעס נאָר דאָרך דעם וואָס דער דרייווער האָט זיך נישט גענימען די מיה אַריינציטראַכטן וואָס דאָס מיינט, און אפילו ווען דער דרייווער איילט זיך האָט ער אויך נישט קיין רעכט דאָס צי טוהן, ווייל דאָס לעבען איז וויכטיגער און טייערער פון אַלעם.

ע״כ בעטען מיר, חשובער דרייווער, פאָרט פאָרזיכטיג לויטען געזעץ! נישט שנעלער! כאַפּט זיך נישט אַדאָרך דעם רויטען לעקטער! פּראָבירט נישט זיך אַריינציכאַפּען פאַר אַ צווייטע קאַר! האָט רחמנות אויף אייער לעבען! און אויף די לעבענס פון אַנדערע אידען! און עס ליגט אויך אַ פליכט אויף אַלע מיטרייזענדע נישט דערלאָזען דעם דרייווער פאָרען ווילד און אומפאָרזיכטיג.

ב) פין גרויס וויכטיגקייט איז אויך אַז ווען מען קימט אָן אויף אַ פלאַץ זאָל מען פאָרען שטאַט אין פאָרזיכטיג ווייל קליינע קינדער שפּילען זיך.

ג) און אויף די עלטערן ליגט די אויפגאַבע צי וואָרענען די קינדער אַכטונג צי געבען ביים דורכגיין די גאַס צי גיין פאָרזיכטיג, און נאָר ווען מען מעג.

ד) לויט די רייד פין די גדולים אויב מען פאָרט שנעלער ווי מען מעג געזעצליך, אָדער מען טיט אַנדערע זאַכען קעגן געזעץ, אַלעס וואָס פּאַסירט מיט אים אָדער יענעם דורכדעם ווערט פאַרעכענט אין הימעל ווי ער וואָלט דאָס געטוהן מיט די אייגענע הענט.

## פ

## פילעט פיש

א. זייער גרויסע שטרויכלונגען פּאַסירען ביים קויפען פילעט פיש [דאָס הייסט פיש וואָס איז שוין אַרויסגענימען געוואָרען דיביינער אין אָפּגעצויגען די הויט] ווייל דאָס מאַכט מען פין טמא׳נע פיש אויך, אין מען קען דאָס נישט באַמערקען, עס פּאַסירט אויך אפילו ווען מען קויפט ביי אַ איד אַז מען קען שטאַרק אַריינפאַלען ווייל סאַך פיש סוחרים מאַכען דאָס נישט אַליינס נאָר באַקימען דאָס פערטיג, און פאַרקויפען ווייטער פאַרלאָזענדיג זיך אויף די ווערטער פין גרויס הענדלער, וואָס איז געוויינליך נישט פאַרלעסליך, אפילו ער איז מכלומרשט אַ איד.

ב. דערפאַר דאַרף מען זייער אַכטונג געבען נישט צי קויפען פין דעם סאָרט פיש נאָר פין אַן ערליכען סוחר אַ ירא״ש מיטען פוהלען מויל, אין

דעמאָלטס דאַרף מען הערשט אויספרעגען דעם סוחר פינקטליך וויאַזוי דאָס ווערט געמאַכט, אין זאָל זיך נישט פאַרלאָזען נאָר אויב דער סוחר וואָס ער קען אים גיט אַלס ירא שמים מאַכט דאָס אַליינס, אויב נישט איז ער איינגעשטעלט.

ג. מען דאַרף זייער אַכטונג געבען, ביים עסען פילעט פיש וועגען ווערים ווייל עס געפינט זיך זייער אָפט ווערים אינעווייניג, עס איז דאָ אויף דעם פאַרשידענע עצות, אָבער באַקיקען אַליין איז גאָרנישט ווערט.

ד. גלייכצייטיג איז נתחדש געוואָרען בעולם הכשרות אַז עס ווער אַריינגעמישט אין די טונ"א פיש דברים טמאים דערפאַר דאַרף מען זיך זייער אַכטונג געבען, ווייל דאָס דאַרף אַן עקסטרע שטרענגע השגחה ביים גאַנצען פראָצעדור פון אָנהייב ביזען סוף, אָהנע היסח הדעת.

## צ

## צדקה

א. מיר ווילען דאָ אויפמערקזאַם מאַכען היות ווי היינטיגע צייטען איז ב"ה שטאַרק פאַרגרינגערט דאָס אַלגעמיינע האַנדעל פון פאַרקויפען און קויפען דאָרך די פאַרשידען אַרטיגע „טשעקס" דעריבער איז גלייכצייטיג וויכטיג אַז מען זאָל דאָס אויסניצען אויף צדקה צוועקן אויך, דהיינו מען זאָל האָבען אַן עקסטער קאַסע (Account) צי האַלטען דאָרט נאָר מעשר (אָדער חומש) געלט, די אויפטיה איז אַ פשוט'ע, ראשית געוויינליך נאַרט מען זיך אויב מען פירט נישט קיין פינקטליכען חשבון, מען רעט זיך איין „איך האַלט שוין מסתמא לאַנג איבער מעשר" און אַסאַך האָבען זיך שוין איבערצייגט אַז דאָס איז אַ טעות, מען האַלט אינטער מעשר.

ב. צווייטענס מאַכט זיך אַז מען שיקט געלט אויף פאָסט וכדומה, און עס ווערט פאַרלאָרען אַמאָל, קימט אויס אַז למעשה האָט מען נישט געגעבען געלט פאַר'ן צדקה צוועקען, נאָר געבליבען ביים רצון, אַנדערש איז אָבער ווען מען שיקט טשעקס פון אַ באַזונדערע קאַסע, דעמאָלטס זעהט מען שטענדיק וויפיל עס ליגט, און מען ניצט דאָס נאָר אויף צדקה, (זעה אין קונט' מעשי הצדקה שלום באריכות).

ג. דער נודע ביהודה שרייבט (ס' דרושי הצל"ח) אַז לויט זיין מיינונג אַלע מיני גזירות, זענען נאָר דאָרך נישט געבען גענוג צדקה, דער אור צדיקים (תלמיד האריז"ל) שרייבט אויב איינער האָט געהאַט אַ פאַרלוסט זאָל ער פאַרקלענערן די שטיב אויסגאַבען, אין געבען מער צדקה, די מענטשען אָבער וואָס טועהן פאַרקערט איז גלייך ווי איינער פאַרלעשט פייער מיט שטרוי, וואָס מאָמענטאַל

קיקט אויס ווי ער פאַרלעשט, אין נאָכדעם ציפלאַקערט זיך מער דאָס פייער, די חז״ל זאָגען (מד״ר תזריע) אַז פין הימעל שטראָפט מען קודם דאָס פאַרמעגען פין מענטש, און ווען ער טיט תשובה לאָזט מען אים אָפּ, אויב נישט ח״ו ווערט דאָס ערגער, איז דאָך דער שכל מחייב אַז ווען מען ליידט פין אַ פאַרלוסט זאָל מען זיך שטאַרקען אין צדקה, וואָס ציברעכט אַלע שלעכטע גזירות (ב״ב פ״א, שו״ע רי׳ ה׳ צדקה, וש״ך שם).

ד. וועגען די גרויסקייט פין די מצוה האָבען מיר געדריקט דעם קונ׳ ,,מעשה הצדקה שלום״ ווי פאַרשידענע וויכטיגע דינים ווערען אַרימגערעדט דאָרט פין צדקה און מעשר.

## צניעות

א. עס איז דאָ אַ באַוואוסטע בריעף פין הגה״ק מהר״ם מרימאנוב זצ״ל, ווי ער שרייבט פאַר אַ איד וואָס פאַרקלאָגט זיך אַז ער ליידט צרות צרורות פין די שכנים זיינע, ענטפערט ער איהם פאָלגענד: **דאָס זאָלט עטץ גלייבען אַז אַלע שלעכטס וואָס קימען אויף אידען** איז דאָרך דעם וואָס דער יצה״ר רעדט אָהן **אידען זיי זאָלען גיין געקליידעט** אַזוי וואָס **מען דערקענט זיי נישט אויב זיי זענען אידען**, טייערע מלבושים, **אַלע נייע מאָדעס**, חציפושע קליידונג וואָס זענען אסור עפ״י תורה״.

פירט אויס דער צדיק דאָרטען אויב איהר וועט מיך הארכען נישט אָנטוהן די חציפושע קליידונג, און מכבד זיין דעם שבת ווי אַ איד ברויך, בין איך זיכער אַז השי״ת וועט מבטל זיין און אַוועק נעמען אַלע צרות און שלעכטס פין אַידען אכי״ר.

ב. דער הייליגער ר״ר מענדלע זצלה״ה דערמאָנט אויך דאָרט אין בריעף אַז איבערהויפּט אין דעם הייליגען טאָג שבת זאָל מען זיצען אינדערהיים אין לערנען [מוסר און מדות] נישט אַרים גיין אין די גאַסען.

ג. אַ הייליגער איד פין פריערדיגען דור שרייבט אין זיין ספר (תשועת עולמים) פאָלגענד:

ד. יעדער ברויך אַכט געבען אויף זיין בני בית, אויף זיינע קינדער, זיי זאָלען זיך שבת נישט אין די גאַסען אַרימשפּאַצירען ווייל דאָס ברענגט צי עבירות, אויף די גאַסען זעהט מען שלעכטע זאַכען אין דאָס ברענגט נישט גיטע רעזולטאַטען.

ה. וועגען די וויכטיקייט פין גיין מיט לאַנגע צניעות׳דיגע קליידער טועהן מיר דאָ ציטירען דעם פסק דין פין די גדולים אין בני ברק וואָס האָבען אַרויס־געגעבן אַ קלאָרען דייטליכען מאָס פין לענג פין די קליידער:

## פסק דין

מיר מאַכען וויסען דאָ ברבים אונזער מיינונג דעם פסק דין תורה אַז דער קלייד פין אַ פרוי דאַרף זיין כאָטש 10 צענטימעטער נאָך די קניה [4 אינטשעס] אַזוי אַז אויך ביים זיצען אָדער אַנדערע באַוועגונגען זאָל דער קניה בלייבען קאָמפּלעט פאַרדעקט.

יעדער מאַן און פרוי איז מחוייב ציציהעלפען אין צי מוסר'ן די אייגענע משפחה מענטשען אין יעדען וואָס הערט זייערע מיינונגען אויף די גרויסע אחריות וואָס עס נעמען אויף זיך דעי וואָס גייען נישט געהעריג געקליידעט אין אַזאַ שרעקליכע צייט כו'.

**יעקב לנדא**
אב"ד דבני ברק

**שמואל הלוי ואזנער**
רב דזכרון מאיר
ור"מ דישיבת חכמי לובלין

**אברהם שלמה כץ**
רב דפרדס כץ

**יחיאל מאיר וינגורט**
רב דחסידי גור

**יצחק שלמה אונגער**
רב דחוג חתם סופר

**נתן געשטעטנר**
רב דשיכון אגו"י

ו. אין איינוועגס מיזען מיר באַמערקען אין מיר קענען נישט און טאָרען נישט פאַרשווייגען די שוידערליכע פירצה פין די נייע קליידער וואָס זענען אַריינגעשניטען פין אינטען, שומו שמים!! רח"ל אַז אַ אידישע טאָכטער זאָל זיך נישט שעמען פאַר זיך אַליין מיט אַזאַ נישט צניעות'דיג קלייד אַרויסציגיין אויף די גאַס, מיט וואָס פאַראַ פנים וועלען מיר גיין קעגען משיח'ן, מיט וואָס פאַראַ פנים בעט מען געזינט מיט הצלחה פין רבש"ע, ווען מען גייט אַרים אַזוי אָנגעטוהן מיט די אומפאַרשעמטע קליידער.

אפילו עס דאַכט זיך צי אַז דאָס איז אַ נייע מאָדע, ליידער איז דאָס אָבער אַלט מאָדיש עס איז נאָך בירושה פין דור המבול.

ז. מען דאַרף אָפּציטיילען אפילו קליינע קינדער וואָס שפילען זיך אינדרויסען יונגלעך מיט מיידלעך, (ס"ח קס"ח, נוהג כצאן יוסף נשואין או' ט"ו, ע"ש).

ח. עס קימט פאָר (עס זאָל זיך נישט טרעפען ביי אידען) אַז מען דאַרף גיין צום דאָקטער, און אָפטמאָל טיט דער נויר"ס (Nurse) באַהאַנדלען פאַרשידענע פּראָבלעמען ווי צ.ב.ש. באַקיקען בלוט דרוק, עקסרע"י (Ex-ray) נידלע"ך א.ד.ג. בפרט ביי ציין דאָרטוירים. דעריבער ליגט די אויפגאַבע אויף יעדען מאַן אָדער בחור, אַוועקצילייגען דאָס ביישנות אין בעטן בדרך בקשה אַז נאָר אַ מאַן

זאָל אים באַהאַנדלען. און קיין חשש חילול השם איז דאָס נישט ווייל וואָס מען פאַרלאַנגט וועגן רעליגיע האָט מען אַ רעכט, (אויסערדעם איז נאָך נישט מבורר אַז ביי די זאַכען איז שייך ענין חילול השם, פונקט ווי מען זאָל זאָגען אַז באָרד און פיאות שטריימל וכדומה איז אַ חילול השם).

מיר מיזען באַטאָנען אַז מיר ווייסען פין צענדליגע פעלער וואָס מען האָט דאָס פאַרלאַנגט אין דער דאָקטער האָט דאָס נאָכגעגעבן מיטן גרעסטען רעספעקט, באַמערקענדיג דערביי, אַז עס ווינדערט אים פאַרוואָס דאָס פאַרלאַנג פין ערליכע אידען אויף דעם איז אזוי וויניג!

ט. עס איז אויך זייער וויכטיג נישט צי שיקען אַליינס אַן ערוואַקסענע טאָכטער צום דאָקטער, ווייל אפילו אויפען בעסטען אופן האָט מען עובר געווען אַ האַרבען איסור פון יחוד (אה״ע סי׳ כ״ב) וואָס די ספרים זאָגען אַז מען דאַרף תשובה טוהן אויף דעם (עי׳ היטב פת״ש ואחרונים יור״ד קפ״ה).

## ש

### ה׳ שבת

א. מיר ווילען אויפמערקזאַם מאַכען אַז מען זאָל גיט באַקיקען די טאַשען אײדער מען גייט אַרויס אויף די גאַס, אויב עס איז נישט אָנגעזאַמעלט דאָרט ברעקלעך אָדער אַנדערע שמוצען, וואָס טרעפט זיך אָפט, כדי מען זאָל היטען דעם שבת ווי מען דאַרף, (עי׳ מנח״ש).

### שלאגען א צווייטען

א. עס קימט פאָר בעיקר ביי בחורים, ווען איינער האָט עפעס קעגען צווייטען, קען ער אים פאַר כעס אַראָפּלאָזען פעטש, עפ״י תורה הייסט ער אַ רשע תיכף ווי ער האָט נאָר אויפגעהויבען די הענט צי שלאָגען, אין שו״ע (חו״מ סי׳ ת״כ ברמ״א) שטייט אַז אויף אַזאַ איינעם ליגט אַ חרם הקדמונים, אין מען קען אים נישט מצרף זיין צים מנין, נאָך שטייט (חו״מ סי׳ ל״ד) אַז ער איז פסול לעדות, אין לויטען חרדים איז ער פסול אפילו בלויז מיט אויפהייבען די הענט צי שלאָגען.

### וויכטיגע דינים פין שלום געבן

א) דער שיעור ווען מען דאַרף געבן שלום פאַר איינעם וואָס קימט פין דערוויטענס איז אויב ער קימט פין אַ פלאַץ וואָס מען האָט געדאַרפט זאָגען תפלת הדרך (שו״ת נחלת שבעה סי׳ ע״ד, כרם שלמה, ומחה״ש סי׳ ק״ו).

## שלום געבן מיט די הענט

ב) בשעת'ן געבן שלום דאַרף מען געבן מיט די הענט דוקא (שו"ת נחלת שבעה סי' ע"ד, תו יהושע ה' ד"א בשם הג"ה דרבינו עובדי' הנביא, וכ"נ בשע"ת או"ח סי' קנ"ו סק"א בשם מהר"י צמח).

ג) דער ס' דברים נחמדים שרייבט (משלי) דער וואָס קימט פין וועג דאַרף מען אים שלום געבן מיט אַ שטאַרקע האַנט, און מיט שאַרף קלאָרע רייד, אָבער דער וואָס געט נישט שלום מיט די האַנט צי דעם וואָס קימט פין וועג ריפט מען אויס אין הימעל, דער, שלעכטער זאָל פאַרלירען זיין פאַרמעגן, און צדיקים זאָלען אים ירש'נען.

## שלום געבן אויף אומריינע ערטער

ד) ווען מען געט שלום זאָל מען זיך אומקיקען אויב דאָס פלאַץ אַרים איז ריין, אויב נישט זאָל מען נישט באַניצען דעם אויסדרוק „שלום" (מ"א פ"ד סק"ב שע"ת או"ח קנ"ו סק"א). נאָר סתם באַגריסען.

ה) כאָטש די הכרעה פין די פוסקים איז אַז איינער וואָס הייסט שלום מעג מען אים ריפען ביים נאָמען, אין אַ באָד, אָדער אַנדערע אומריינע ערטער (עי' מ"ש הגר"ז סי' פ"ד א, ומ"ב שם) אעפ"כ איז גלייך אַז אַ ירא שמים זאָל מחמיר זיין (מ"ב שם ו'), און דערפאַר זאָל ער זאָגען „שלו" אָהנע מ"ם, אָדער „שלון" מיט אַ נו"ן (ח"א, מ"ב).

ו) אויך ביים שרייבען אַ בריעף איז ראַטזאַם, נישט צי שרייבען „שלו" נאָר „שלם" אָהנע וא"ו ווייל עס ווערט געוואָרפען אין מיסטען (ר"ן בשם רבינו יחיאל, רמ"ךְ יור"ד רצ"ו ברכ"י או"ח סי' פ"ד, שע"ת שם, מ"ב ו').

ז) טאָמער איינער דערלאַנגט שלום אין בית המרחץ טאָר מען אים נישט אָפּענטפערן, „מען טאָר נישט ענטפערן אין מרחץ"! אָבער מען מעג זאָגען דאָ איז אַ מרחץ (פר"ח שם, מ"ב).

ח) אין ס' שדי חמד (מע' א' דף מ') שטייט בשם אַ גאון אַז מען טאָר נישט שלום געבן פאַר מענטשען וואָס זענען זיך מורה היתר צי זיצען מיט אַ אָפּגעדעקטע קאָפּ, ווייל דאָס ברענגט אַז זיי זאָלען צוריק ענטפערן שלום, און דאָס טאָר מען נישט מיט אַ אויפגעדעקטען קאָפּ.

## וואלענע מלבושים – שעטנז

א) עס איז ידוע ווי ווייט חסידים ואנשי מעשה האָבען אַכטונג געגעבן נישט צי גיין אָנגעטוהן מיט וואָלענע מלבושים כאָטש עס איז טיילמאָל געוועזן

פאַרבינדען מיט מסירות נפש, ווייל עס איז נישט געווען געהעריגע קליידער פין אַנדערע שטאָפען נאָר געמיינע, וואָס איז ציגאַנגען ביז אַ קורצע צייט, און עס איז אויך שווער געווען צו וואַשען, און נאָך אַ היפש ביסעל חסרונות, פינדעסטוועגן וויסענדיג די ערנסטקייט און מורא האָבנדיג פין דעם איסור „שעטנז" האָט מען ביי אנשי מעשה אַלעס פאַרקיקט.

היינט קען מען באַקימען קליידער פין פאַרשידענע מינים אָן שווועריקייטען די טעכנישע ערפינדונגען האָבען זיך ציבליט מיטען פולען טעמפּאָ, און עס האָט מיטגעברענגט מיט זיך אַ רייע מעלות פאַד אידישקייט, קען דאָס אויך אַריינגערעכנט ווערען אין די רשימה אַז מען קען באַקימען אנצוגער, און מאַנטלעך, סוועטערס, שאַלען, אַלעס פין שענסטען און בעסטען, פין אַנדערע שטאָפען אויסער וואָל, דעריבער איז ראַטזאַם פאַר מדקדקים ויר"ש זאָלען זיך אויסשטאַפירען דארכאויס מיט קליידער פין אַנדערע מינים נישט וואָל.

## אפגעהיטען זיין פין וואלענע קליידער – וועגן חשש שעטנז

ב) און כדי מען זאָל האָבען אַ שטיקעלע באַגריף די וויכטיגקייט פין דעם וועלען מיר ציברענגען פין איינצעלנע גדולים און צדיקים זייער בליק און דעת תורה איבער דעם ענין, וואָס פין דאָרט שפּיגעלט זיך אָפּ הן די האַרבקייט פין שעטנז וואָס דער גאַנצער צוועק פין נישט טראָגען וואָלענע מלבושים איז נאָר כדי נישט דאָרכציפאַלען מיט שעטנז, הן די השקפה פין די גדולים איבער די חומרא פין טראָגען וואָלענע מלבושים.

## וויכטיגקייט נישט טראגען וואל

דער חכמ"א (כלל ק"ו, כ"ה,) שרייבט עס איז ראוי פאַר יעדען ירא שמים ער זאָל זיך נישט אָנקליידען וואָלענע קליידער.

ג) דער לבושי מרדכי שרייבט (בהערה לס' שמע ישראל) אַז היינטיגע צייטען ווען איינער פאַלט דאָרך מיט מלבושי שעטנז איז נישטאָ קיין שום תירוץ, ווייל מען האָט אַלע ברירות נישט צו גיין אָנגעטוהן אין וואָל נאָר אין אַנדערע שטאָפען וואָס זענען פונקט אַזוי גיט ווי וואָל.

ד) דער רחמי האָב שרייבט מען זאָל זיך זייער דערוויטערן פין אָנציטוהן וואָלענע קליידער ווייל עס איז זייער שווער צו זיין אָפּגעהיטען פין איסור שעטנז און דאָס איז אַ געוואַלדיגער האַרבער איסור, וואָס איז מטמא דעם נפש.

## חסידים זאלען נישט גיין קיין וואל

ה) דער יש"מ שרייבט (שו"ת השי"מ סי' ז') פאָלגענד, וואויל איז דעם וואָס טראָגט נישט קיין וואָלענע מלבושים, אין מדינת פולין ווער עס איז אַ

שטיקל ירא שמים טראָגט נישט וואָל, אויך אין די מדינה (אונגארין) פין ווען איך בין אַהער געקימען האָבען אַסאַך אויסגעטוהן זייערע וואָלענע מלבושים זאָלען זיי זיין געבענטשט, אָבער צווינגען צי דעם זענען מיר נישט בכח, דאָס איז אמת אויב עס איז דאָ ח״ו שעטנז דאָס מיינט אפילו נאָר איין פלאָקסענע פאָדים אַריינגעמישט אין אַ וואָלענעם בגד, כאָטש דער טראָגער ווייסט אפילו נישט דערפין, שאַדט דאָס זייער צום דאַוועגען ווייל אויסערדעם וואָס דאָס שמעקט מיט אַ איסור דאורייתא איז דאָ אַ געוואַלדיגע טומאה אין אַ קלייד פין שעטנז, און אויב דער ציבור וויל איינפירען אַז וויינגסטענס דער בעל תפלה זאָל נישט גיין מיט וואָל איז דאָס זייער אַ גיטע תקנה און זיי זאָלען זיין געבענטשט, און דאָרט ווי מען דאַוועגט נוסח האריז״ל דאָס איז דער נוסח וואָס חסידים דאַוועגען טאָר מען אַודאי נישט ציגיין פאַרען עמוד מיט וואָלענע קליידער, ווייל דאָס איז אַ קאָנטראַסט, די תפלה מיט דעם לבוש, און דאָס ברענגט ח״ו אַ גרויסען קטרוג אין הימעל, דאָס זעלבע אַ יחיד טאָר נישט, די צוויי אינאיינעם, ווייל די וואָס דאַוועגען נוסח האריז״ל האָבען מקבל געווען צי אַנטלויפען פין צ״ט שערי היתר, דעריבער טאָרען זיי נישט אָנטוהן וואָלענע קליידער, ע״כ.

ו) דער חת״ס (או״ח סי׳ ט״ר-ט״ז) כאָטש ער טיט רעאַגירען אויף די רייד פין בעהמ״ח השיב משה, און איז נישט אינגאַנצען איינשטימיג מיט זיין שיטה זאָגט אויך, וואויל איז דעם וואָס איז געוואָרענט נישט צי גיין אין וואָל, וקדוש יאמר לו.

ז) דער גאון וקדוש מהר״ם א״ש פלעגט געוואָרענט זיין נישט אָנציטוהן וואָלענע קליידער (עי׳ זכרון יהודה עמ׳ י״ח, ע״ש בשנותו את טעמו, דלאו משום חשש תערובת פשתן).

## אלי׳ הנביא – מיט די אנדערע נביאים – נביאים זענען נישט געגאנגען אין וואל

ח) דער חת״ס שרייבט (יור״ד סי׳ ס״ט) ביי אלי׳ הנביא שטייט אַז ער האָט געטראָגען אַ האָריג מאַנטעל, און פין דאָרט און ווייטער טרעפען מיר אַז די נביאים זענען געווען געוואוינט מיט דעם מאַנטעל כו׳, און דעם טעם געפעלט מיר צי זאָגען אַז וועגען חשש פין אַ כלאים פאָדים האָט ער נישט געוואָלט אָנטוהן וואָל, אָדער לינען, ע״כ. פין דאָ איז אויך צי זעהן דער אמת׳דיגע שיטה פון חת״ס אַז דער עצם חומרא איז אַ אויסגעהאַלטענע און פאַרשטענדליכע.

## צדיקים תלמידי הבעש״ט גייען נישט אין וואל

ט) דער ברכ״י סי׳ רצ״ט או׳ א׳, שרייבט וועגען צוויי צדיקים וואָס האָבען

עולה געווען אויף א״י (מיינט מען הגה״ק מהר״א מקאליסט, והגה״ק מהר״ם מוויטעבסק זצללה״ה) און זענען געגאַנגען געקליידעט פין קאָפּ ביז פיס זיידענס און די אורזאַך האָבען זיי ערקלערט, ווענען חשש פין פשתן וואָס קען זיין אויסגעמישט אין וואָלענע מלבושים דערפאַר האָבען זיי פאַר זיך אָנגענימען אַלע וואָלענע מלבושים ווי עס וואָלט געווען שעטנז.

י) אין ס׳ נתיב דרש״י (להרה״ג ר׳ לוי יצחק סמינאוופסקי ז״ל) סוף הספר שטייט אין נאָמען פין הרה״צ ר׳ הלל מפאַריטש ז״ל, אַז דער תניא (ערשטער ליובאַוויטשער רבי ז״ל) האָט אַראָפּגענימען פין זיינע מענטשען די וואָלענע מלבושים, נאָך שרייבט ער דאָרט אין נאָמען פין ר׳ ברוך מרדכי ז״ל פין באַברויסק זצ״ל אַז דאָס איז אַ איסור גמור און אַ ספק שעטנז.

יא) אין ס׳ דרכי חיים (למרן הגה״ק מצאנז זצולה״ה) ווערט דערציילט אַז מרן קוה״ק מהרד״א מליזענסק זצללה״ה פלעגט נישט בענטשען מיט די הענט אויפען קאָפּ פין איינעם וואָס איז געגאַנגען אָנגעטוהן אין וואָלענע מלבושים.

טז) אין ספר התקנות פין בעל שו״א (שטייט אַז דער בעשטה״ק האָט תיכף אין אָנהייב מייסד געווען, דעמאָלטס ווען ער האָט אָנגעהויבען ממשיך זיין דעם דרך החסידות, צי אַסר׳ן וואָלענע קליידער, און אַזוי האָבען זיך געפירט אַלע קדושים און צדיקים, און חסידים נאָך אים.

יב) אין ס׳ אלה המצות (מהר״ם חאגיז מ׳ תקנ״א) שטייט, מען דאַרף זייער געוואָרענט זיין אין איסור פין שעטנז, ווייל עס איז זייער גרינג געשטרויכעלט צי ווערען.

דער ס׳ ש״צ שרייבט, עס איז נישטאָ אַזאַך וואָס האַלט אָפּ די תפלה אַזוי ווי שעטנז, אפילו בשוגג, איז דאָך דאָס זעלבסטפאַרשטענדליך געניג אַ שטאַרקע טעם אָפּציהאַלטען פין גיין אין וואָל.

יג) דער ר״ר אייזיק מקאָמאַרנע זצלה״ה שרייבט (פני זקן כלאים פ״ט מ״ט), דער וואָס איז געוואָרענט אין כלאים וועט מאריך ימים זיין אויף דער וועלט און יענער וועלט, און וועט מער נישט מגולגל ווערען, און וועט ריען ראוהיג און האָבען קינדער צדיקים וואָס לעבן אויף דעם עולם צי אַלעם גיטען, ע״כ, איז דער גרינגסטער וועג געוואָרנט צי זיין דאָרך אויסמיידען גענצליך וואָלענע מלבושים.

יד) דער ס׳ כתב יושר (מבעהמ״ח ס׳ תורת האדם) שרייבט עס איז געווען אַמאָל ביי איינעם נאָכען הסתלקות דאָס מען האָט אים אויף יענע וועלט געוואָלט אורטיילען צי גלגול, וואָס דאָס איז שווערער פאַר די נשמה ווי גיהנם, האָט ער זיך אויסגעקליבען גיהנם, האָט מען געזאָגט ביים ב״ד שלמעלה אויב

ער האָט אַכטונג געגעבן אַ גאַנץ לעבען אפילו פין ספק שעטנז, איז ער גערעכט, און אַזוי איז געוואָרען.

טו) דער נודע ביהודה שרייבט (דרושי הצל"ח דרוש ח׳ או׳ ו׳) דער באַשעפער זאָל אונז שומר ומציל זיין פין דער האַרבער עבירה, שעטנז, די אותיות אַליין גיבען עדות אויפען גרויסען שטראָף שט"ן ע"ז, און איין טאָג טראָגען שעטנז, ווערט דער תפלה זיינער שוין נישט געהערט פערציג טעג.

טז) דעריבער איז טאַקע אַ גרויס וווּנדער פאַרוואָס היינט צי טאָג איז מען שטאַרק נאָכגעלאָזט אין דעם געביט אויף אַזוי ווייט אַז אפילו יונגעלייט חסידים ואנשי מעשה ועובדי ד׳ וואָס זענען אינטער די השפעה און הנהגה פין שלשלת הנהגות בעשטה"ק ותלמידיו, נעמען אויך נישט אַזוי ערנסט דעם גאַנצען חומרא פין נישט קליידען זיך וואָלענע מלבושים, כאָטש אַלע סימנים צייגען אַז דאָס איז געווען אַ נקודה רציני, ביי די חסידים הבדוקים בדרך הבעשטה"ק ותלמידיו, ווי מען לייענט אַרויס פין יעדע שורה אין די אויבענדערמאָנטע תשובה פין הגה"ק בע׳ יש"מ זצלה"ה.

אין די סברא חיצונה וואָס לייגט זיך אויפען שכל איז אַז די סיבת התרשלות איז נאָר ווייל מען טרעפט נישט צופיל רעדן דערפין אין די סה"ק, און דער טעם איז פשוט ווייל דאָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פין טאַטע צום קינד, מען האָט די קינדער נישט אָנגעטוהן מיט וואָלענע קליידער פין די בר מצוה, און טיילפלעצער פריער זענען במילא די קינדער אויטאָמאַטיש געוואקסען מיט די חומרא, האָט נישט אויסגעפעלט דאָס צי באַמערקען (עי׳ כעי"ז להרמב"ם בפיהמ"ש בענין חנוכה, ועל סברא זו בנה בשו"ת מהרי"ץ יסוד לאיסור פאה נכרית ע"ש).

## מכשולות פין שעטנז

א) אין שו"ע (סי׳ ש׳ סעי׳ ד׳ ברמ"א) ווערט געפסק'ט אַז מען טאָר נישט אָנטוהן צוויי מלבושים איינס אויפען אַנדערען איינס פין וואָל און איינס פין לינען, אויב מען קען נישט אויסטוהן די אונטערע ווילאַנג די אויבערע איז אָנגעטוהן, און אַזוי פסקנען אויך אַנדערע גרויסע פוסקים (חכ"א כלל ק"ו, ט"ז, וביאור הגר"א שם, וזכרון יהודא מנהגי מהר"ם א"ש, שו"ת מנחת יצחק ח"ה) דערפאַר דאַרף מען אַכטונג געבען ווייל דאָס פאַסירט אָפט בפרט ביי אידענעס וואָס האָבען אַן לינענע קליידער און אויף דעם וואָלענע סוועטערס און מאַנטלען און מען פאַרגעסט אַז דאָס גרעניצט זיך מיט איסור שעטנז.

ב) דאָס זעלבע דאַרף מען אויך אַכטונג געבען ווען מען קויפט אַ וואָלענעם קלייד דאַרף מען דאָס לאָזען אינטערזיכען, ווייל מען האָט שוין זייער אַסאַך

מאָל פעסטגעשטעלט שעטנז אין סוטס, וואָס די סוחרים האָבען ציגעזאָגט אַז עס איז בלי ספק הינדערט פערצענט שעטנז פריי.

ג) דערפאַר פינקט ווי מען שפּאָרט נישט קיין מיה אויפען גשמיות׳דיגען שטאַנדפונקט פינעם סוט אָדער מאַנטעל און מען לאָזט זיך אַרויס אין אַלע ווייטע געגנטען דאָס צי פאַרשאַפען, דאָס זעלבע אויפען פרייז דינגט מען זיך נישט ציפיל, איז דאָך א ק״ו אַז די פּאָר סענט פין שעטנז אינטערזיכינג טאָר נישט שפּילען קיין ראָלע, ציזאַמען מיט די פּאָר מינוט טירחא, ווען עס האַנדעלט זיך אין אַזאַ גרויסע מצוה.

ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים שישלח לנו במהרה את אליהו הנביא לבשרינו בשורת הגאולה השלימה ונודה לה׳ שיר חדש על גאולתינו ועל פדות נפשינו במהרה בימינו אמן.

**סיימתי בעזרת החונן לאדם דעת**
**יום ה׳ פרשת בא, ד׳ שבט שנת תשל״ח**
**יומא דהילולא דכ״ק זקיני הרה״צ „משה״ אלי׳ בן הרה״צ חיים אליעזר זצ״ל**
**אשר הקונטרס הזה נקרא על שמו**